# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# פניני השבוע

## פ' דברים

**כיתה ב' (א-ב)**


הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

## די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** 9 פסוקים פון אנהייב פרשה.

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די מנהגים פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**מושגים:** מיר האבן ארומגערעדט איבער די נושא אז מ'דארף מכבד זיין איינער דעם צווייטן, ווייל צוליב די עבירה פון שנאת חינם איז חרוב געווארן די בית המקדש.

**סיפורים:** מיר שיקן א "דף לקריאה" די מעשה פון קמצא און בר קמצא חלק ב'.

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטיג די "מעשה ביכל".

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

**חומש דברים**

מיר האבן מסביר געווען אז אין חומש דברים חזר'ט מען איבער אלע מצוות וואס ס'שטייט אין די תורה וואס איז געזאגט געווארן פאר משה רבינו פאר ווען ער איז נפטר געווארן.

**די שטראף רייד פון משה**

משה רבינו האט צאמגעזאמלט אלע אידן אין דעם ערשטן טאג פון חודש שבט, און ער האט זיי געזאגט מוסר, שטראף רייד, און זיי מעורר געווען צו תשובה, משה רבינו האט זיי דערמאנט די אלע פלעצער אוואו זיי האבן געזינדיגט אין מדבר ביי די מן ביי די פרשה פון קרח ועדתו און די מרגלים, משה רבינו האט נאר דערמאנט די פלעצער זיי צו געבן א סימן זיי זאלן אליין פארשטיין וואס זיי האבן דארטן געזינדיגט און ער האט נישט ארויסגעזאגט די עבירות בפירות כדי זיי נישט צו פארשעמען און כדי די שטראף רייד זאל אריין גיין ביי זייער הארץ זיי זאלן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז אפילו זיי האבן געזינדיגט איז נאך געבליבן אויף זיי די ברכה אז זיי וועלן זיין אזוי ווי די שטערן'ס פון די הימל וואס בלייבן אויף אייביג.

**הואיל משה באר את התורה**

משה רבינו האט ערקלערט די ווערטער פון די תורה מיט זיבעציג שפראכן כדי ס'זאל זיין קלאר פאר יעדן איינעם

## די ניין טעג

די טעג וואס איז צווישן ראש חודש אב און תשעה באב ווערן אנגערופן "ניין טעג", מיר האבן געלערנט מיט די קינדער די הלכות פון די טעג, מ'טאר נישט עסן קיין פלייש און וויין, מ'באנייט נישט קיין נייע קליידער, מ'הערט נישט קיין מוזיק, מ'וואשט זיך נישט מיט זייף, מ'טוישט נישט קיין קליידער, און דאס אלעס איז כדי מ'זאל געדענקען צו בעטן פאר דער אייבישטער אז ער זאל אויפבויען די בית המקדש וואס איז חרוב געווארן אין די טעג.

## שבת חזון

די שבת פאר תשעה באב הייסט "שבת חזון", שבת טאר מען נישט זיין טרויעריג, און מ'מעג עסן פלייש און טרינקען וויין.

## תשעה באב

אין דעם טאג איז חרוב געווארן די בית המקדש, וועגן דעם פאסט מען, און מ'טאר נישט אנטוהן קיין שיך נאר פאפאטשן, מ'זיצט אויף א נידעריגע בענקל, און מ'וואשט זיך די הענט נאר די פינגער'ס, און ווען די עלטערן הייסן אויספאסטן דארף מען גלייך פאלגן.

# שאלות מיט תשובות

**א. ווי אזוי הייסט חומש דברים?**
משנה תורה.

**ב. פארוואס הייסט עס משנה תורה?**
ווייל דארט שטייט ווי אזוי משה רבינו האט איבער געזאגט נאכאמאל אלע מצוות.

**ג. פארוואס ווען משה רבינו האט גע'מוסר'ט די אידן האט ער נישט דערמאנט די עבירות בפירוש נאר ברמז?**
כדי אידן זאלן נישט ווערן פארשעמט.

**ד. מיט וויפיל שפראכן האט משה רבינו ערקלערט די תורה?**
מיט זיבעציג שפראכן.

**ה. ווי אזוי ווערן אנגערופן די טעג צווישן ראש חודש אב און תשעה באב?**
די ניין טעג.

**ו. פארוואס עסט מען נישט קיין פלייש און מ'טרינקט נישט קיין וויין אין די ניין טעג?**
כדי מ'זאל געדענקען אז די בית המקדש איז חרוב געווארן.

**ז. ווי אזוי הייסט די שבת פאר תשעה באב?**
שבת חזון.

**ח. שבת חזון מעג מען עסן פלייש און וויין אדער נישט?**
יא, מ'מעג עסן פלייש און טרינקען וויין.

# כא. הקושר



מ'טאר נישט מאכן א קניפ אין שבת אויף א אופן וואס ס'בלייבט אויף אסאך צייט.

און אזוי אויך טאר מען נישט באפעסטיגן די קשר פון די ציצית, און אזוי אויך יעדע קניפ דארף מען אכטונג געבן עס נישט צו באפעסטיגן אין שבת.

אבער די שיך בענדלעך מעג מען צובינדן אין שבת ווייל ס'איז נישט קיין קניפ וואס ס'האלט זיך אויף א לאנגע צייט.

# כב. המתיר



מ'טאר נישט שבת עפענען א קניפ פון א זאך וואס איז געמאכט געווארן ס'זאל זיין צוגעבינדן אסאך צייט. און אזוי אויך דארף מען אכטונג געבן נישט צו עפענען שטריקן וואס האבן זיך איינגעדרייט איינס אין די צווייטע, און אויך נישט עפענען די קניפ פון די ציצית.

אבער מ'מעג עפענען די בענדלעך פון די שיך ווייל ס'איז נישט קיין קניפ וואס האלט זיך אסאך צייט.

# כג. הקורע



מ'טאר נישט שבת צושניידן די סחורה (בד) כדי צו נייען א קלייד.

אזוי אויך טאר מען נישט עפענען א קאנווערט, און אויך טאר מען נישט אפטיילן בלעטער וואס זענען צוגעקלעבט איינס צו די אנדערע.

די זעלבע זאל טאר מען נישט שבת אראפ נעמען א קנעפל וואס גייט אראפפאלן.

# כד. התופר



מ'טאר נישט באהעפטן אין שבת צוויי שטיקלעך סחורה (בד) דורך נייען.

און אזוי אויך טאר מען נישט צוקלעבן מיט קלעב צוויי שטיקלעך, די זעלבע זאך טאר מען נישט באפעסטיגן א קנעפל דורך אויסציען די פאדעם.

# ניגון:

# יִבָּנֶה הַמִקְדָשׁ. עִיר צִיוֹן תְמַלֵא



# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________________ ני"ו**

**חומש:** ______________________

**סיפר פרשת השבוע:** ______________________

**שירים:** ______________________

**נושא השבוע:** ______________________

**ברכת המזון:** ______________________

**התנהגות כללית:** ______________________

**קר"ש שעל המיטה:** ______________________

**התפלל:** ______________________

**הערות:** ______________________

**חתימת ההורים** ______________________